**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז 'ווערהאוז ארבעטער באשיצונג געזעץ' איז יעצט אין קראפט**

***געזעץ רעכנט אריין נייע פאדערונגען פאר דיסטריביושען צענטערן צו ארויסגיבן די ציפערן וואס זיי האבן איבער ווי שנעל זייערע יעצטיגע און געוועזענע ארבייטער ארבעטן***

***באשיצט ארבייטער פון דיסציפלינירנדע שריט אדער פון אויפגעזאגט ווערן אויסשליסליך צוליבן נישט נאכקומען באהאלטענע שנעלקייט פאדערונגען אדער געניטשאפט סטאנדארטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז דער געזעץ וואס באשיצט ווערהאוז ארבייטער פון נישט-נארמאל אנשטרענגנדע ארבעט שנעלקייטן פאדערונגען איז יעצט אין קראפט. דער 'ווערהאוז ארבעטער באשיצונג געזעץ' (Warehouse Worker Protection Act) וואס איז אונטערגעשריבן געווארן אין דעצעמבער, רעכנט אריין נייע פאדערונגען פאר דיסטריביושען צענטערן צו ארויסגיבן די ציפערן וואס זיי האבן איבער ווי שנעל זייערע יעצטיגע און געוועזענע ארבייטער ארבעטן כדי צו אינפארמירן די ארבייטער איבער ווי גוט זיי ארבעטן און איבער זייערע רעכטן ביים ארבעטספלאץ. דער געזעץ באשיצט אויך ארבייטער פון דיסציפלינירנדע שריט אדער פון אויפגעזאגט ווערן אויסשליסליך צוליבן נישט נאכקומען באהאלטענע שנעלקייט פאדערונגען אדער געניטשאפט סטאנדארטן, אריינרעכנענדיג אזעלכע פאדערונגען וואס ערלויבן זיי נישט צו נעמען נארמאלע הפסקות.

"עס קומט זיך פאר ניו יארק'ס ווערהאוז ארבייטער צו באהאנדלט ווערן מיט יושר, כבוד און רעספעקט, און מיר נעמען גרויסע שריט אין די ריכטונג פון ערגרייכן געגנוי דאס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ געווען צו אונטערשרייבן דעם ווערהאוז ארבעטער באשיצונג געזעץ צו אדרעסירן נישט נארמאלע ארבעט שנעלקייט פאדערונגען און גיבן פאר ווערהאוז ארבייטער די שוץ מאסנאמען קעגן נקמה פון זייערע ארבעטסגעבער. מיט דעם געזעץ יעצט אין קראפט האלטן מיר זיך שטארק צו אונזער פארפליכטונג צו פארזיכערן מער יושר'דיגע און זיכערערע ארבעטספלעצער פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער, ראבערטאָו ריערדאן, האט געזאגט,** "אונזערע ווערהאוז ארבייטער שפילט א וויכטיגע ראלע ביים האלטן אונזער סופליי טשעין זיך רוקן, און עס קומט זיך זיי צו באהאנדלט ווערן יושר'דיג און גלייך. איך באדאנק גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור פארן וועקשטעלן דעם ווערהאוז ארבעטער באשיצונג געזעץ אין פלאץ צו פארזיכערן אז די ארבייטער ווערן נישט אויסגענוצט און אז זיי ווערן געגעבן די שוץ מאסנאמען וואס קומען זיך זיי."

מיט דעם ווערהאוז ארבעטער באשיצונג געזעץ יעצט אין קראפט, קענען ארבייטער פארלאנגען אינפארמאציע איבער ארבעט שנעלקייטן אין יעדע צייט, און זיי זענען יעצט אויך באשיצט פון:

1. ווערן געצווינגען צו ארבעטן דורכאויס מאלצייטן צו אניאגן די פאדערונגען
2. ווערן באגרעניצט פון נוצן די בית הכסא צו אניאגן די פאדערונגען

3. נקמה פון אן ארבעטסגעבער צוליבן פארלאנגען אינפארמאציע איבער ארבעט שנעלקייט פאדערונגען אדער צוליבן באריכטן פארלעצונגען אין פארבינדונג צו די פאדערדונגען

דער געזעץ גייט ארויף אויך ארבעטסגעבער און ארבייטער ביי ווערהאוז דיסטריביושען צענטערן. אונטער דעם געזעץ ווערט אן איינריכטונג גערופן א 'ווערהאוז דיסטריביושען צענטער' לויט די 'צפון אמעריקאנער אינדוסטריע קלאסיפיקאציע סיסטעם' ( North American Industry Classification System) קאָודס פאר ווערהאוזעס און סטארעדזש (נישט ארייַנרעכענענדיג פארם פראדוקטן ווערהאוזעס און סטארעדזש) סחורה האָולסעילערס, עלעקטראניקס געשעפטן מיט פאסט ארדערס און אזוי אויך דעליווערי און עקספרעס דעליווערי סערוויסעס.

אויב אן ארבעטער גלויבט אז זייער ארבעטסגעבער פארלעצט די שוץ מאסנאמען, קענען זיי פארלאנגען א געשריבענע שילדערונג פון די ארבעט שנעלקייטן לויט וועלכע זיי ווערן אפגעשאצט. זיי קענען אויך פארלאנגען א קאפיע פון די ציפערן פון די לעצטע 90 טעג פון זייער פערזענליכע ארבעט שנעלקייט און א קאפיע פון די סך הכל ארבעט שנעלקייט ציפערן פאר ענליכע ארבייטער ביי די זעלבע פלאץ אין די זעלבע תקופה. ארבעטסגעבער זענען פאראנטווארטליך צו איבערגיבן די אינפארמאציע נישט שפעטער פון 14 טעג אויפן לוח נאך א פארלאנג ווערט געמאכט.
ארבייטער מוזן מיטטיילן די שנעלקייט פאדערונגען מיט ארבייטער אין א געשריבענע שילדערונג (אין די שפראך וואס זיי ווילן) פון יעדע פאדערונג וואס זיי זענען ערווארטעט צו נאכקומען. דאס מוז געטוהן ווערן ביז 30 טעג פון ווען אן ארבעטער הויבט אן ארבעטן.

פאר מער אינפארמאציע איבער דעם ווערהאוז ארבעטער באשיצונג געזעץ, באזוכט די NYSDOL [וועבזייטל](). צו באריכטן א פארלעצונג פון דעם געזעץ, שיקט אן אימעיל צו [labor.sm.warehouse.worker.claims@labor.ny.gov](mailto:labor.sm.warehouse.worker.claims@labor.ny.gov).

**מאריאָו סילענטאָו, פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט AFL-CIO יוניאן, האט געזאגט,** "ווערהאוז ארבייטער ליידן פון ערנסטע ארבעט-פאראורזאכטע וואונדן מער פון טאפלט פון די דורכשניט אין אלע פריוואטע אינדוסטריעס. די ארבייטער פארברענגען אויף א רוטינעם פארנעם זייער גאנצע שיפט זיך יאגנדיג פון איין אויפגאבע צום אנדערן אין א פרואוו צו נאכקומען די פאדערונגען וואס ווערן איינגעפירט דורך זייערע ארבעטסגעבער, און דאס פירט צו אפט דערצו אז זיי זאלן ליידן פון וואונדן צו זייער מוסקלען אדער ביינער און וואונדן צוליב כסדר'דיגע אנשטרענגונג. דער ווערהאוז ארבעטער באשיצונג געזעץ שטעלט אוועק די גרעניצן וואס וואלטן שוין פון לאנג געדארפט געשטעלט ווערן צו באשיצן ווערהאוז ארבייטער פון אוממענטשליכע פאדערונגען און זיי צו באשיצן פון נקמה פארן אויסנוצן זייערע רעכטן אונטער דעם געזעץ. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פארן ווידעראמאל שטעלן אלץ פריאריטעט קריטישע שוץ מאסנאמען פאר ארבייטער."

**סטו עפלבאום, פרעזידענט פון RWDSU, האט געזאגט,** "דורכן אונטערשרייבן דעם ווערהאוז ארבעטער באשיצונג געזעץ האט גאווערנער האקול גענומען א גרויסע טריט אין די ריכטונג פון באשיצן ווערהאוז ארבייטער אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. דער געזעץ איז א וויכטיגע טריט צו פארזיכערן אז ארבייטער ווערן נישט געצווינגען צו מאכן אן אויסוואהל צווישן זייער דזשאב און זייער זיכערהייט. מיר קוקן ארויס צו אן אנגייענדע שותפות מיט גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור פאר מער לייזונגען צו האלטן ארבייטער פארזיכערט."

###